**Through *tzedakah*, one atones for all sins until he becomes worthy to behold the King's countenance,**[41] recalling the verse,[42] **"I will behold Your countenance."** In other words, **the Divine Presence will** be internalized within the person, **as it is written,**[43] **"They shall make Me a Sanctuary and I will dwell among them,"** interpreted by our Sages[44] to mean **"within each and every Jew."**

38. *Daniel* 4:24. **See** *Tanya, **Iggeres HaTeshuvah,*** **ch. 3,** ***et al.*** **Note** ***Mechilta, Shmos*** **21:30.**

39. ***Zohar,*** **Vol. I, p. 52b.**

40. ***Bereishis Rabbah*** **19:7** makes this statement **regarding the sin of the Tree of Knowledge.** Due to the parallel between the two, **it is understood that the same applies regarding the sin of the Golden Calf.**

41. See *Bava Basra* 10a.

42. *Tehillim* 17:15.

43. *Shmos* 25:8.

44. See *Reishis Chochmah, Shaar HaAhavah,* ch. 6 (close to the beginning); *Shalah, Shaar HaOsios, os lamed; Maseches Taanis,* s.v. *mei'inyan haavodah* at the beginning; *Parshas Terumah, chelek Torah Or,* pp. 325b, 326b.

א) שקלים פ"א ה"ד.
ב) מב, א, ד"ה זאת החיה.
ג) איוב ב, ד.
ד) בבא מציעא מד, ב.
ה) זע תניא פי"ט. במדבר רבה פי"ד, יב.
ו) אור תורה פון אנפאנג. זע אויך תורה אור לרבנו הזקן, פון אנפאנג.
ז) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 426 ואילך.
ח) עץ חיים שער דרושי אבי"ע פ"א, הובא בלקוטי תורה פ' ראה ד"ה ושמתי כדכד (השני) פ"ב.
ט) תניא פכ"ד.
י) אגרת התשובה פ"ב.
יא) נגעיםביים ענדע.
יב) תניא פל"ב.
יג) בכורות מט, ב.
יד) זע אויך לקו"ש ח"א עמוד 164.
טו) זע אויך לקו"ש ח"א עמוד 165־166.
טז) זע שערי תשובה לשולחן ערוך אורח חיים סימן תרצ"ד.
יז) בבא בתרא י, א.
יח) ברכות כו, ב.
יט) זע תניא פל"ז.
כ) זע יומא פה, ב.
כא) זע אויך לקו"ש ח"ב ע' 396 ואילך.
כב) זע אגרת התשובה פ"ג ועוד. להעיר גם כן ממכילתא משפטים (כא, ל).
כג) זהר חלק א נב, ב.
כד) בראשית רבה יט, ז - לענין חטא עץ הדעת, ובמילא מובן גם לענין חטא העגל.

# KI SISSA II | כי תשא ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Ki Sissa,* 5717 [1957]

## Introduction

The *sichah* to follow was delivered in 1957 and its words will resonate with anyone familiar with the state of American Jewry at that time. Then, Orthodoxy was on the defensive. Rabbis who were observant in their own personal lives were taking up positions in non-observant congregations. There was widespread talk about the need for compromising religious principles and practice. Despite their strong attachment to their Jewish heritage, many felt they needed to sacrifice certain elements to fit in with American life to earn their livelihood.

In response, the Rebbe took an activist position, explaining that Torah Judaism should look confidently to the future. A Jew should realize that his heritage has the depth, relevance, and joy necessary not only to establish itself successfully in Western Society, but to attract not-yet observant American Jewish youth searching for purpose and meaning. In this *sichah*, the Rebbe lays down a challenge – that those willing to compromise confront themselves and take an honest look at their inner motivation.

However, its relevance is far more than historical, as illustrated by this well-known Lubavitch story:[1]

When the Alter Rebbe was being questioned by czarist authorities during his imprisonment that led to the redemption of *Yud-Tes Kislev*, the interrogator was a deputy minister who knew the *Tanach* by heart. He asked the Rebbe: "How can it be understood that after the Sin of the Tree of Knowledge, G-d asked Adam,[2] 'Where are you?' After all, He *knew* where Adam was!"

The Alter Rebbe answered by quoting *Rashi's* explanation, but the interrogator was not satisfied. He replied that he already knew *Rashi's* explanation and was hoping to hear something original from the Rebbe. The Alter Rebbe answered him: "'Where are you?', G-d's question to Adam, is addressed to every individual, as if to say: *'Ayeka?* Where are you?' What *ought* you have accomplished in this world, and what in fact *have* you accomplished?"

By repeating this story, the Alter Rebbe and the succeeding Rebbeim challenged their listeners to an ongoing process of self-introspection. In this *sichah,* the Rebbe maintains this tradition, compelling his readers to candidly look themselves in the mirror and continually ask whether they are being genuinely truthful and consistent in their Jewish observance.

---

1. *Sichas Yud Tes Kislev,* 5698, cited in *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 73.

2. *Bereishis* 3:9.

# When a Prophet Confronts a People

## A Perplexing Challenge

**1. The** ***Haftarah*** of this week's *parshah, Ki Sissa*, **describes the action that the Prophet Eliyahu took in a period of distress** for the Jewish people. **Like every period of distress, this one came about because of the people's blurred thoughts and confused understanding.** As they tried to navigate the cultural changes taking place around them, they lost focus. To restore clarity, **Eliyahu gathered all the prophets of** ***Baal***[1] **and the entire Jewish people** for a confrontation. **He challenged** the Jews,[2] **"Until when will you continue vacillating from one side to the other?** If G-d is the L-rd, follow Him; and if *Baal* is, follow *Baal*."

The question arises: **Why did** Eliyahu **challenge them, "Until when will you continue vacillating from one side to the other?" Seemingly, his question should have been, "Until when will you serve** ***Baal?*** **It's time for you to stop worshiping this** false deity **and start proclaiming, 'G-d is the L-rd.'"**

**This** question can be resolved **by clarifying the difference between serving false deities and vacillating between sides.**

א. אִין הַיְינְטִיקֶער הַפְטָרָה וֶוערְט דֶערְצֵיילְט וֶועגְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן בְּשַׁעַת עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֵת צָרָה - וֶועלְכֶע אִיז גֶעקוּמֶען, וִוי יֶעדֶער עֵת צָרָה, מִצַּד טִשְׁטוּשׁ הַדֵּיעוֹת וּבִלְבּוּל הַמּוֹחוֹת. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט צוּנוֹיפְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע נְבִיאֵי הַבַּעַל מִיט אַלֶע אִידְן, אוּן גֶעזָאגְט זֵיי, עַד מָתַי אַתֶּם פּוֹסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים.

לִכְאוֹרָה, פַארְוָואס הָאט עֶר בַּיי זֵיי גֶעמָאנְט עַד מָתַי אַתֶּם פּוֹסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט מָאנֶען עַד מָתַי אַתֶּם עוֹבְדִים לַבַּעַל, שׁוֹין צַיְיט אִיר זָאלְט אוֹיפְהֶערְן דִינֶען דֶעם בַּעַל אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן הֲוָיֶ' הוּא הָאֱלֹקִים.

וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין דוּרְךְ דֶערְקְלֶערְן פְרִיעֶר דֶעם חִילוּק צְוִוישְׁן עֲבוֹדָה זָרָה אוּן פּוֹסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים.

## A Genuine Question

**2. In truth, it is** difficult to **understand: How can a Jew possibly serve a false deity? The Jews are "believers, the descendants of believers."**[3] Denying G-d's existence, **(Heaven forbid,) is entirely** unnatural for **them.**

The possibility for such an error **can be understood according to** ***Rambam's*** **explanation**[4] **that,** initially,

ב. בֶּאֱמֶת אִיז דָאךְ נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק וִוי קוּמְט עֶס אַז אַ אִיד זָאל זַיְין אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה? אִידְן זַיְינֶען דָאךְ מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים אוּן זַיְינֶען נִיט שַׁיָּיךְ צוּ כְּפִירָה חַס-וְשָׁלוֹם כְּלַל.

וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי דֶער רַמְבַּ"ם[א] זָאגְט אַז דִי הַתְחָלָה

1. A false deity worshipped by the pagans of that era.

2. *I Melachim* 18:21.

3. *Shabbos* 97a.

4. ***Hilchos Avodas Kochavim*** **1:1.**

people **began to worship false deities because** they understood that G-d's **beneficence flows to this world through** intermediaries: **the stars and the constellations. For this reason, they bowed down to and honored the stars and the constellations so that** these intermediaries **would facilitate the flow of** Divine **beneficence to them.**

**In truth, however, although** Divine **beneficence flows through** such channels, **one should not bestow honor upon** the intermediaries, **for they are nothing more than an ax in the hands of a chopper.**[5] To clarify this point, ***Chassidus***[6] **explains that there is a difference between one's parents – whom one is commanded to honor – and** intermediaries like **the stars and the constellations – whom not only is one not commanded to honor, but is prohibited to** worship.

When parents conceive a child, their actions are performed in partnership with G-d, as our Sages state,[7] "There are three partners in [the conception of] a child: the Holy One, blessed be He, his father, and his mother." Although G-d is the primary partner – as our Sages continue, "the Holy One, blessed be He, implants in him the soul…" – a child is obligated to honor his parents **because they had the choice** whether to conceive him or not. This is also the point of a saying of our Sages,[8] "The wine belongs to the owner, but the waiter deserves favor," i.e., although the wine does not belong to the waiter, he deserves recognition for his willingness to serve it. Similarly, even though G-d is the source of a child's life, his parents deserve honor for choosing to conceive him. **By contrast,** intermediaries like **the stars and the constellations** have no choice but to convey Divine beneficence. They are no more than **an ax in the hands of a chopper.**

Thus, for a Jew to **honor and bow down to them constitutes the worship of a false deity,**[9] **one of the most severe transgressions, as our Sages state,**[10] **"[See] how severe [a prohibition] the worship of false deities is!**

פוּן עֲבוֹדָה זָרָה אִיז גֶעקוּמֶען מִצַד דֶעם וָואס דִי הַשְׁפָּעָה שֶׁמִלְמַעְלָה גֵייט דוּרְךְ דִי כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זִיךְ מִשְׁתַּחֲוֶה גֶעוֶוען אוּן אָפְּגֶעגֶעבְּן כָּבוֹד צוּ דִי כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת, בִּכְדֵי דִי כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת זָאלְן זֵיי מַשְׁפִּיעַ זַיְין הַשְׁפָּעוֹת.

דֶער אֱמֶת אִיז, אַז כָאטשׁ אַז דִי הַשְׁפָּעָה גֵייט דוּרְךְ דִי כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת, דַארְף מֶען זֵיי נִיט גֶעבְּן קֵיין כָּבוֹד, וַוְיל זֵיי זַיְינֶען מֶער נִיט ווִי כְּגַרְזֶן בְּיַד הַחוֹצֵב.

אוּן ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת[ב] דֶער חִילוּק פוּן אָב וָאֵם, שֶׁנִצְטַוִינוּ לַחֲלוֹק לָהֶם כָּבוֹד, בִּיז כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת, אַז נִיט נָאר שֶׁלֹא נִצְטַוִינוּ לַחֲלוֹק לָהֶם כָּבוֹד, נָאר אַדְרַבָּה, עֶס אִיז נָאךְ אַן עֲבֵירָה - וַוְילֶע אָב וָאֵם זַיְינֶען בַּעֲלֵי בְחִירָה, מַה שֶׁאֵין כֵּן כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת זַיְינֶען כְּגַרְזֶן בְּיַד הַחוֹצֵב.

אוּן בְּשַׁעַת מֶען גִיט כָּבוֹד אוּן מֶען בּוּקְט זִיךְ צוּ כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת, אִיז דָאס עֲבוֹדָה זָרָה, וָואס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא[ג], חֲמוּרָה

5. Cf. *Yeshayahu* 10:15.

**6. See the *maamar* entitled *Mayim Rabbim,* 5717 (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 1, p. 323ff.). See also *Derech Mitzvosecha,* p. 6aff.,** and *Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 3, p. 127, translated in *Lessons in Sefer HaMaamarim,* p. 175ff.

7. *Nidah* 31a.

8. *Bava Kama* 92b.

9. See the discussion of the prohibition of *shituf* in footnote 13 below.

**10. *Nedarim* 25a.**

**Anyone who denies them is considered as if he acknowledges the entire Torah.”**

**Accordingly, the** original **reasoning behind** the pagans’ **worship of false deities was based on their misconception that they would receive material beneficence** from this worship.[11] Their worship **was based on their self-interest.**

**This is also the reason why a Jew, even** though he is **a “believer who descends from believers,” can stumble and sin by worshiping false deities, (Heaven forbid). He is not serving the false deity out of an inner, essential** connection, **(Heaven forbid)**; he serves it **solely because of** perceived **self-interest.**

**(When a Jew serves G-d,** even when he has his self-interest in mind, his intent **is not only so that G-d will provide him with his needs. Instead,** the inner core of **a Jew is deeply and wholeheartedly devoted to G-d, without** the thought of **receiving a reward. By contrast, one who serves a false deity does so only because of the benefits** he thinks **it will bring him.**)

To refer back to the narrative with Eliyahu, **this is the reason the Jews served *Baal,*** as implied by **the verse,**[12] **“Ever since we stopped** burning incense…, **we have lacked everything.”**

עֲבוֹדָה זָרָה שֶׁכָּל הַכּוֹפֵר בָּהּ כְּאִלּוּ מוֹדֶה בַּתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

נִמְצָא אַז דִי סִבָּה וואָס זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז גֶעוועֶן בִּכְדֵי צוּ הָאבְּן, לוֹיט זֵייעֶר פַאלְשְׁן בַּאגְרִיף, פוּן זֵיי הַשְׁפָּעוֹת גַשְׁמִיּוֹת, דָאס הֵייסְט צוּלִיב זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע פְּנִיּוֹת.

און דָאס אִיז דִי סִבָּה וואָס אוֹיךְ אִידְן וואָס זַיינֶען מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים זָאלְן קֶענֶען אִיבֶּערְפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין חֵטְא עֲבוֹדָה זָרָה - ווַיְיל דָאס אִיז נִיט וואָס זֵיי דִינֶען דִי עֲבוֹדָה זָרָה מִיט אַן אֱמֶת חַס וְשָׁלוֹם, דָאס אִיז מֶער נִיט ווִי צוּלִיב פְּנִיּוֹת.

(דָאס וואָס אַ אִיד דִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס נִיט נָאר בִּכְדֵי עֶר זָאל אִים מַשְׁפִּיעַ זַיין זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, נָאר ווַיְיל עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ אִים מִיט אַן אֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, לְהַבְדִּיל, אִיז דָאס נָאר צוּלִיב דִי הַשְׁפָּעוֹת ווֶעלְכֶע זִי אִיז מַשְׁפִּיעַ).

און דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם וואָס זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט צוּם בַּעַל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב[יב] וּמִן אָז חָדַלְנוּ גו׳ חָסַרְנוּ כֹל.

## Erring Honestly

**3. Although** a person **generally serves false deities for the sake of the benefits** he thinks **he will receive because of it, there are two approaches to such** service: **worshiping false deities** in earnest **and vacillating between the sides.**

When a person earnestly **serves false deities, he genuinely believes that they grant him beneficence. Thus, although** he acts **out of self-interest,**

ג. הֲגַם דֶער כְּלָלוּת עִנְיָן פוּן עֲבוֹדָה זָרָה אִיז צוּלִיב דִי הַשְׁפָּעוֹת ווֶעלְכֶע מֶען אִיז מְקַבֵּל דוּרְךְ אִיר, אִיז אָבֶּער אִין דֶעם גוּפָא פַאראַן צְווֵיי אוֹפַנִּים: עֲבוֹדָה זָרָה און פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים.

עֲבוֹדָה זָרָה מֵיינְט, אַז עֶר מֵיינְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַז דִי עֲבוֹדָה זָרָה גִיט אִים הַשְׁפָּעָה, אִיז כָאטְשׁ ס׳אִיז טַאקֶע צוּלִיב אַ פְּנִיָּה, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דָאךְ אָבֶּער

---

11. I.e., the pagans believed that since G-d’s beneficence flows through different channels and intermediaries, these channels and intermediaries should be worshiped.

12. *Yirmeyahu* 44:18.

**he** is honest and **truthful, genuinely believing that serving the false deities will cause them to grant him a flow** of blessing.

דִי פְּנִיָּה בַּיי אִים מִיט אַן אֱמֶת, עֶר הַאלְט טַאקֶע אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט דִינֶען דִי כּוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת וֶועלְן זַיי אִים גֶעבְּן הַשְׁפָּעָה.

**By contrast, a person who vacillates from side to side** lives **in a state of doubt. There are** some people who have no certainty whatsoever; **they are always in a state of doubt. From time to time, they realize that the worship of false deities is insubstantial.** Nevertheless, they continue to vacillate from one side to the other.

מַה שֶּׁאֵין כֵּן פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִים, אִיז דָאךְ בְּסָפֵק, אוּן עֶס זַיינֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס זַיי זַיינֶען תָּמִיד בְּסָפֵק, וּמִזְּמַן לִזְמַן כַאפְּט עֶר זִיךְ אַז דִי עֲבוֹדָה זָרָה אִיז אֵין בָּהּ מַמָּשׁ. נָאךְ אַן אוֹפֶן פוּן פּוֹסֵחַ - עִנְיַן הַשִּׁיתּוּף: עֶר גְלוֹיבְּט אִין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיךְ אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה לְהַבְדִּיל.

**Another manner of shifting sides is** what the Sages referred to as ***shituf,***[13] a belief that there is a "partnership" between these deities and G-d. One who has adopted this way of thinking **believes in G-d but also, (לְהַבְדִּיל), in a false deity.**

**In truth, when one serves a false deity either with *shituf* or out of doubt – even** when he does so **merely in speech or** performs **an act of worship without believing in the false deity at all –** he **is** committing **a very serious transgression, one which a Jew** will innately avoid, even if doing so requires him to **sacrifice his life, as stated in *Tanya.***[14] However, when a person becomes used to vacillating from side to side, he does not take such transgressions so seriously because he also serves G-d from time to time.

וָואס דֶער אֱמֶת אִיז דָאךְ, אַז אֲפִילוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה בְּשִׁיתּוּף אָדֶער מִשּׁוּם סָפֵק - אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶער נִיט ווִי בְּדִבּוּר אַלֵיין צִי בְּמַעֲשֶׂה אַלֵיין אָן קֵיין שׁוּם אֱמוּנָה בְּלֵב כְּלַל, אִיז אוֹיךְ אַן עֲבֵירָה גְדוֹלָה בְּיוֹתֵר, בִּיז אַז אוֹיךְ אוֹיף דֶעם אִיז זִיךְ אַ אִיד מוֹסֵר נֶפֶשׁ, כִּדְאִיתָא בְּתַנְיָא[יד].

## Is the Spiritual Really Important?

**4. On this basis, it can be understood why**

ד. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען

---

13. There are three of the 613 *mitzvos* that concern the belief and knowledge of G-d:

a) the *mitzvah* to know G-d and believe in His existence (*Rambam, Sefer HaMitzvos,* positive commandment 1: *Hilchos Yesodei HaTorah* 1:1–6);

b) the prohibition against believing in and serving other gods (*Rambam, Sefer HaMitzvos,* negative commandment 1: *Hilchos Yesodei HaTorah* 1:6);

c) the *mitzvah* to believe in and understand G-d's unity (*Rambam, Sefer HaMitzvos,* positive commandment 2: *Hilchos Yesodei HaTorah* 1:7).

The *Tzemach Tzedek* explains (*Derech Mitzvosecha,* p. 59b ff.; see also *Toras Menachem*, *Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 1, p. 323ff.) that the latter *mitzvah* includes the awareness that no entity other than G-d has the power to choose to change the fate of an entity in this world. Accordingly, it is forbidden to serve any of the intermediaries through which G-d conveys beneficence to this world. Serving them is referred to as *shituf,* "partnership," i.e., G-d controls the world in partnership with these intermediaries, delegating a certain amount of authority to them.

*Rama* (*Orach Chayim* 156:1; see also *Ramaz, Parshas Haazinu*) states that non-Jews are not prohibited against believing that G-d controls the world in such a manner. All authorities agree that a Jew, by contrast, is forbidden to do so. That prohibition stems from the *mitzvah* to believe in and understand G-d's unity cited above.

**14.** ***Tanya,*** **ch. 19.**

פַארְשְׁטֵיין אַז אִין פִילֶע פְּרָטִים אִיז דֶער עִנְיָן פוּן פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְעִיפִּים עֶרְגֶער פוּן עֲבוֹדָה זָרָה.

הֲגַם אַז בִּכְלָלוּת אִיז עֲבוֹדָה זָרָה עֶרְגֶער, וְוָארוּם עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיק פַארְדָארְבְּן, עֶר אִיז אַ כּוֹפֵר רַחֲמָנָא לִצְלָן, - אָבֶער בַּנוֹגֵעַ צוּ תְּשׁוּבָה, אִיז הַפּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְעִיפִּים עֶרְגֶער, וְוָארוּם סְ'אִיז שְׁווֶערֶער אַז דֶער פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְעִיפִּים זָאל טָאן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אֲמִיתִּית.

אִין דֶעם זַיְינֶען פַאראַן צְווֵיי פְּרָטִים:

א) דֶער ווָאס הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז בְּשַׁעַת עֶר כַאפְּט זִיךְ אַז הֲוָיָ' הוּא הָאֱלֹקִים אוּן בִּיז הַיְינְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ בִּיטֶערְן טָעוּת, פִילְט עֶר דַאן דֶעם גְרוֹיסְן חֵטְא ווָאס עֶר הָאט גֶעטָאן, וּבְמֵילָא טוּט עֶר תְּשׁוּבָה וִוי עֶס בַּאדַארְף זַיְין, אוּן דַאן אִיז וָשָׁב וְרָפָא לוֹ.

דַאקֶעגְן דֶער פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְעִיפִּים, ווִיבַּאלְד עֶר גְלוֹיבְּט דָאךְ אוֹיךְ אִין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֲפִילוּ שְׁפֶּעטֶער, פִילְט עֶר נִיט אוֹיף אַזוֹי פִיל דֶעם גוֹדֶל הַחֵטְא, עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: ווָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטָאן אַזַא חֵטְא? אִיךְ בִּין דָאךְ מִלְכַתְּחִלָּה גֶעווֶען בְּסָפֵק אֲפִילוּ בְּחִיצוֹנִיּוּת, וּבֶאֱמֶת בִּין אִיךְ דָאךְ ווִי אַלֶע אִידְן אַלֶע מָאל גֶעווֶען אַ מַאֲמִין וכו' וכו'. בְּמֵילָא הָאט עֶר נִיט קֵיין חֲרָטָה מִיט אַן אֱמֶת וְאֵין תְּשׁוּבָתוֹ שְׁלֵימָה[16].

ב) דֶער ווָאס גְלוֹיבְּט אִין עֲבוֹדָה זָרָה נִיט בְּשִׁיתּוּף אִיז עֶר מְקוּלְקָל בְּתַכְלִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט אַ טָעוּת אוּן מֵיינְט אַז הַבַּעַל הוּא - חַס וְשָׁלוֹם - הָאֱלֹקִים. עֶס קֶען אָבֶּער זַיְין אַז כָאטשׁ עֶר אִיז אָפְּגֶערִיסְן פוּן אֱלֹקִים אֱמֶת, אָבֶּער דֶער כְּלָלוּת עִנְיַן הָרוּחָנִיּוּת אִיז אִים נוֹגֵעַ.

**vacillating from one side to the other is in many ways worse than serving false deities. True, on the whole, serving false deities is worse.** An idol-worshipper **is in a debased state at all times; he is** living in **denial** of G-d.

**Nevertheless, when it comes to *teshuvah*, one who shifts from one side to the other is at a greater disadvantage, because it is much harder for a person who continually vacillates to return** to G-d **in complete and genuine *teshuvah*. There are two aspects to this point:**

**a) When a person who** genuinely **believed in a false deity realizes that "G-d is the L-rd" and until that point he had made a bitter mistake, he fully recognizes the gravity of the sin he committed. As a result, he will turn** to G-d **in *teshuvah* as he should,** sincerely regretting his past conduct and resolving to change his ways. **Then,** his *teshuvah* will be accepted; to borrow the Prophet's wording,[15] **"he will repent and be healed."**

**By contrast, since a person who constantly shifts from one side to the other also believes in G-d,** when **later** he realizes that he erred, **he doesn't feel the full gravity of his sin. He thinks, "Have I committed such a** serious **sin? Initially, I was** acting out of **uncertainty and** my actions were merely **superficial. In truth, I, like all Jews, have always been 'a believer,** the descendant of believers.'" **Consequently, such a person will never feel genuine regret and his *teshuvah*** will **not** be **complete.**[16]

**b) A person who [genuinely] believes in a false deity – without** believing in ***shituf* – is utterly** spiritually **defiled, (Heaven forbid). He mistakenly believes that *Baal* is G-d. Nevertheless, it is possible that even though he is cut off from the true G-d, spirituality as a whole means something to him.** He just misinterprets it due to ignorance.

---

15. Cf. *Yeshayahu* 6:10.

16. **See also Rabbeinu Yonah** on the *Halachos* of Rabbeinu Yitzchak Alfasi, ***Berachos* 1b; *Orach Chayim*, sec. 603; *Kuntreis U'Maayon, maamar* 14, ch. 2.**

**By contrast, vacillating back and forth,** following the approach of ***shituf*** **reflects a** drastic **level of debasement. Not only does the person not seek** a genuine **connection to the true G-d, he has no connection with the concept of spirituality as a whole.** It doesn't mean enough to him. **The proof of this is** the inner contradictions he faces. Even though **he knows the truth, that G-d is the L-rd, he is perfectly happy, to** temporarily **trade G-d for material benefits, (Heaven forbid,)** to borrow Scriptural terminology,[17] **exchanging "the source of living water to hew out… broken cisterns."**

דַאקֶעגְן הַפּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים בְּשִׁיתּוּף, ווַיְיזְט דָאךְ אוֹיף אַזַא פַארְדָארְבְּנְקַיְיט, אַז נִיט נָאר וואָס עֶר וויל נִיט הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת צוּ אֱלֹקִים אֱמֶת, נָאר עֶר הָאט נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ כְּלָלוּת עִנְיַן הָרוּחְנִיּוּת, וְרַאְיָה עַל זֶה, אַז וויסְנְדִיק דֶעם אֱמֶת אַז הֲוָיָ' הוּא הָאֱלֹקִים, אִיז בַּיי אִים רֶעכְט צוּ פַארְבַּיְיטְן - חַס וְשָׁלוֹם - דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּלִיבּ גַּשְׁמִיּוּת, פַארְבַּיְיטְן מְקוֹר מַיִם חַיִּים אוֹיף לַחְצוֹב בֹּארוֹת נִשְׁבָּרִים[17].

**A person who serves false deities, if spirituality is important to him, will turn** to G-d **in** ***teshuvah*** wholeheartedly **when he realizes his mistake. However, spirituality does not mean anything to a person who vacillates** from one side to the other **– the only thing that is** really **important to him is** getting by in the **material** world. **Accordingly, even when he realizes that, in truth, material benefits are solely dependent on G-d, he will not turn to G-d in true** ***teshuvah.*** He will repent **only for the sake of material** benefits.

אַן עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, אוֹיבּ רוּחְנִיּוּת רִירְט אִים אָן, אִיז בְּשַׁעַת עֶר כַאפְּט זִיךְ זַיְין טָעוּת, ווֶעט עֶר תְּשׁוּבָה טָאן. דַאקֶעגְן הַפּוֹסֵחַ כו', ווִיבַּאלְד אִים אִיז נִיט נוֹגֵעַ דֶער עִנְיַן הָרוּחְנִיּוּת, אִים אִיז נוֹגֵעַ נָאר זַיְינֶע גַּשְׁמִיּוּת, אִיז אֲפִילוּ קוּמֶענְדִיק צוּם אֱמֶת אַז גַּשְׁמִיּוּת הֶענְגְט אָפּ נָאר פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ווֶעט עֶר אוֹיךְ נִיט תְּשׁוּבָה טָאן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת - נָאר צוּלִיבּ דִי גַּשְׁמִיּוּת.

## What Others Will See

**5. The above applies with regard to a person's own self. There is, however, another** perspective from **which one who shifts from one side to the other is worse than** one who earnestly serves **false deities – the effect** his conduct will have **on others.**

ה. דָאס אַלְץ אִיז נָאר בַּנּוֹגֵעַ צוּ זִיךְ. עֶס אִיז אָבֶּער פַארַאן נָאךְ אַן עִנְיָן מִיט וואָס פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים אִיז עֶרְגֶער פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן דָאס אִיז: בַּנּוֹגֵעַ צוּ יֶענֶעם.

**When a person serves a false deity, (Heaven forbid,) no** believing **Jew will learn from him. Knowing that he denies** G-d, **no one will share** serious **contact with him.** When, **by contrast, a person shifts from one side to the other, since he is also a believer,** others may be influenced by him and emulate his example. In this way, **he becomes**

דֶער וואָס דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן ווֶעט זִיךְ קֵיין אִיד פוּן אִים נִיט אָפְּלֶערְנֶען. ווִיסְנְדִיק אַז עֶר אִיז אַ כּוֹפֵר, הָאט מִיט אִים קֵיינֶער נִיט קֵיין גֶעשֶׁעפְטְן. דַאקֶעגְן דֶער פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים, ווִיבַּאלְד עֶר אִיז דָאךְ אַ מַאֲמִין אוֹיךְ, אִיז עֶר בִּכְלַל מַחֲטִיא

17. *Yirmeyahu* 2:13, 2:3, i.e., exchanging the vitalizing faith in G-d for the pointless worship of false deities.

**one who causes others to sin, and causing others to sin is more severe than other** transgressions.[18]

אֶת הָרַבִּים, וְהַמַּחֲטִיא אֶת הָרַבִּים קָשֶׁה מִכּוּלָּם.

## Camouflaging Spiritual Lapses

**6. The Talmud**[19] **relates that** the Sages **nullified the power of the evil inclination to serve false deities. However, today** the tendency to **shift from side to side is stronger than the evil inclination to serve false deities, whether** that tendency **is expressed in a subtle manner or in a manner that is not so subtle.**[20]

**There are people who, due to materially oriented motivations – their livelihood, illusory honor,** or fear of **what others might say – temporarily forego** the observance of **certain aspects of the Torah and its *mitzvos*. For a few days – or a few weeks – they place the *Shulchan Aruch*, together with G-d, as it were,** somewhere **on the shelf so that people will not say that they are old-fashioned, or that they don't understand** what's going on **today.** This is **particularly** true **in America** where the current mode is **to abandon the old norms and go along with the spirit of the times.**

**Such a person is temporarily** willing **to sell G-d, as it were, and his own soul so that people won't say that he is old-fashioned or to receive illusory honor or money. (In truth, that money will go to doctors or the like, because money** that **originates** from something **against G-d's desires will** inevitably **be spent on undesirable matters.** Our Sages[21] interpret the verse,[22] "May G-d **bless you and protect you,**" as "'bless' your possessions, and 'protect you' **from harmful factors.**" But a person who violates G-d's will **lacks this** Divine blessing and protection.)

ו. דִי גְמָרָא[ח] זָאגְט אַז דֶעם יֵצֶר הָרָע פוּן עֲבוֹדָה זָרָה הָאט מֶען מְבַטֵּל גֶעוועֶן זַיְין כֹּחַ, אָבֶּער דֶער עִנְיָן פוּן פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים אִיז אוֹיךְ הַיְינְט שְׁטַארְקֶער פוּן יֵצֶר הָרָע דַעֲבוֹדָה זָרָה, צִי אִין דַקּוּת דְּדַקּוּת, צִי אִין דַקּוּת אָדֶער נָאךְ מֶערֶער.

עֶס זַיְינֶען פַארַאן אַזֶעלְכֶע וָואס צוּלִיבּ גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע פְּנִיּוֹת, פַּרְנָסָה, כָּבוֹד הַמְדוּמֶּה אוּן מַה יֹּאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת, זַיְינֶען זֵיי מוּתֵּר לְפִי שָׁעָה אוֹיף כַּמָּה וְכַמָּה עִנְיָנִים פוּן תוֹרָה וּמִצְוֹת. אוֹיף דִי פָּאר טֶעג צִי דִי פָּאר וָואכְן שְׁטֶעלְט עֶר אַוֶועק דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ צוּזַאמֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל אוֹיפְן פָּאלִיצֶע - שֶׁעלְוו - בִּכְדֵי מֶען זָאל נִיט זָאגְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ בַּטְלָן, אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִיט דִי הַיְינְטִיקֶע צַיְיט, וּבִפְרַט אַז דָא אִין אַמֶערִיקֶע דַארְף מֶען פַארְבּוֹיגְן אוֹיף דִי אַלְטֶע זַאכְן, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אַ בִּיסְל לוֹיטְן רוּחַ הַזְּמַן כו'.

אוּן צוּלִיבּ דֶעם, מֶען זָאל נִיט זָאגְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ בַּטְלָן, בִּכְדֵי עֶר זָאל הָאבְּן כָּבוֹד הַמְדוּמֶּה, אָדֶער נָאךְ גֶעלְט (וָואס בֶּאֱמֶת גֵייט אַוֶועק דִי גֶעלְט אוֹיף דָאקְטוֹירִים וכו', וָוארוּם וִויבַּאלְד אַז דִי גֶעלְט קוּמְט נִיט לוֹיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן - גֵייט עֶס אַוֶועק אוֹיף עִנְיָנִים בִּלְתִּי רְצוּיִים, וָוארוּם עֶס פֶעלְט דֶער יְבָרֶכְךָ גו' וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִים) אִיז בַּיי אִים רֶעכְט צוּ פַארְקוֹיפְן, לְפִי שָׁעָה עַל כָּל פָּנִים, דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל מִיט זַיְין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה.

18. Regarding the severity of causing others to sin, see *Avos* 5:18; *Rashi's* commentary to *Devarim* 23:9.

**19. *Yoma* 69b. See** *Maharsha's* ***Chiddushei Aggados*** **on that passage.**

20. The Rebbe would frequently use such wording rather than use outright pejorative terms.

21. *Sifri, Bamidbar* 6:24.

**22.** *Bamidbar, op. cit.*

A person **must realize that** vacillating from side to side **is in many ways worse than serving false deities.** To sum up **the reasons mentioned above:**

a) **It is harder** for such a person **to genuinely turn** to G-d **in *teshuvah* because he does not feel the severity of** his **sin. He will** rationalize **that his sin is not so severe because, overall, he is an observant Jew. What is** so terrible **if, for a short time, he** makes small sacrifices **for the sake of** his **livelihood or the like?**

b) **He is** spiritually **debased. He** is willing to **sacrifice timeless, spiritual matters for material things of a temporary nature. He sells his eternal** share in **the World to Come for money and** illusory **honor.**

c) **He causes others to sin. If** a person **would go out and openly deny G-d, he would be** shunned entirely. **When, however, he disguises those things that run contrary to the Torah and says that, for a brief time, they are not important – and,** moreover, **supports** his approach **with a quote from Scripture or a saying of our Sages – he** makes his position attractive and **causes people at large to sin.**

דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אִין פִילֶע פְּרָטִים אִיז דָאס נָאךְ עֶרְגֶער פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, מִצַד דִי פְרִיעֶר-דֶערְמָאנְטֶע טַעֲמִים:

א) עֶס אִיז שְׁווֶערֶער צוּ טָאן תְּשׁוּבָה מִיט אַן אֱמֶת, ווָארוּם עֶר פִילְט נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעם חֵטְא. עֶר ווֶעט זִיךְ אַיינְרֵיידְן אַז זַיין חֵטְא אִיז נִיט אַזוֹי גְרוֹיס, ווָארוּם בִּכְלַל אִיז עֶר דָאךְ אַן עֶרְלֶעכֶער אִיד, אִיז מַה רַעַשׁ אַז אוֹיף אַ קְלֵיינֶער ווַיילֶע הָאט עֶר פַארְבּוֹיגְן אַן עִנְיָן צוּלִיבּ פַּרְנָסָה אוּן אַזוֹי ווַייטֶער.

ב) עֶר אִיז אַ פַארְדָארְבֶּענֶער. עֶר קֶען פַארְבַּיְיטְן גַייסְטִיקֶע עִנְיָנִים ווָאס זֵיי זַיינֶען עִנְיָנִים נִצְחִיִּים, אוֹיף עִנְיָנִים גַשְׁמִיִּים ווָאס זֵיי זַיינֶען מֶער נִיט ווִי לְפִי שָׁעָה. עֶר פַארְקוֹיפְט עוֹלָם-הַבָּא הַנִּצְחִי צוּלִיבּ גֶעלְט אוּן כָּבוֹד.

ג) עֶר אִיז מַחֲטִיא אֶת הָרַבִּים. בְּשַׁעַת עֶר ווֶעט אַרוֹיסְגֵיין חַס וְשָׁלוֹם מִיט אַן עֶפֶענְטְלֶעכֶער כְּפִירָה, ווֶעט מֶען אִים אַרוֹיסְווַארְפְן פוּן דִי ד' אַמּוֹת, אָבֶּער בְּשַׁעַת עֶר פַארְווִיקְלְט דִי עִנְיָנִים פוּן הֵיפֶךְ הַתּוֹרָה אוּן זָאגְט אַז לְפִי שָׁעָה מַאכְט נִיט אוֹיס אוּן בְּרֶענְגְט נָאךְ אַ "רְאָיָה" פוּן אַ פָּסוּק אָדֶער אַ מַאֲמַר רַזַ"ל, אִיז עֶר מַחֲטִיא אֶת הָרַבִּים.

## Not Mere History

7. **This is the lesson from this *Haftarah*.** By **challenging** the people, **"Until when will you continue to vacillate from side to side?"** Eliyahu was emphasizing that such conduct **is worse than the worship of false deities.**

**At that time,** Eliyahu's words aroused **all the Jews to** genuine ***teshuvah*. They proclaimed,**[23] **"G-d is the L-rd; G-d is the L-rd,"** making that statement **twice. At the Giving of the Torah,** G-d declared only once,[24] **"I am G-d your L-rd."**

ז. אוֹיף דֶעם אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן דֶער הַפְטָרָה אַז דִי עִיקָר מָאנוּנְג אִיז "עַד מָתַי אַתֶּם פּוֹסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים", דָאס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן עֲבוֹדָה זָרָה.

אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעווֶען דֶעמָאלְט אַז אַלֶע אִידְן הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטָאן אוּן גֶעזָאגְט הֲוָיָ' הוּא הָאֱלֹקִים, הֲוָיָ' הוּא הָאֱלֹקִים, צְווֵיי מָאל, נָאךְ מֶער ווִי בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה ווָאס עֶס שְׁטֵייט אָנֹכִי הֲוָיָ'

23. *I Melachim* 18:39.

24. *Shmos* 20:2; *Devarim* 5:6.

אֱלֹקֶיךָ אֵיין מָאל[ט], ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט אִין פִיל עֶרְטֶער אַז דוּרְךְ תְּשׁוּבָה קוּמְט מֶען צוּ הֶעכֶער פוּן דֶעם מַצָּב קוֹדֶם הַחֵטְא, כִּפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה;

אוּן נִיט נָאר צְווֵיי מָאל אַזוֹי פִיל אִין כַּמּוּת, נָאר נָאךְ מֶערֶער, אַז דֶער צְווֵייטֶער מָאל אִיז אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה בְּאֵין עֲרוֹךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל -

אַזוֹי אוֹיךְ אִיצְטֶער: דִי אַלֶע ווָאס זַיְינֶען פּוֹסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים דַארְפְן תְּשׁוּבָה טָאן, אוּן בְּכִפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה.

יִשְׂרָאֵל זַיְינֶען דָאךְ עֲרֵבִים זֶה בָּזֶה[י], אִידְן זַיְינֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אִיז דֶעם אוֹר ווָאס זֵיי ווֶעלְן בַּאקוּמֶען דוּרְךְ זֵייעֶר תְּשׁוּבָה, ווֶעט עֶר נִמְשָׁךְ ווֶערְן אוֹיךְ אִין דִי אִידְן ווֶעלְכֶע זֵיי הָאבְּן, רַחֲמָנָא לִצְלָן, מַחֲטִיא גֶעווֶען.

אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט גֶעבְּן עֶס זָאל זַיְין בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אוּן דִי מַחֲטִיאִים צוּזַאמֶען מִיט דִי ווָאס זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁלֶעפְּט זָאלְן תְּשׁוּבָה טָאן בְּכִפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה, אוּן זָאגְן אַלֶע צוּזַאמֶען הֲוָיָ' הוּא הָאֱלֹקִים, הֲוָיָ' הוּא הָאֱלֹקִים.

(משיחת שבת פרשת תשא, תשי״ז)

As explained in many sources,[25] this indicates that, **through *teshuvah*, one reaches a higher level than before the sin,** to borrow a Scriptural term,[26] he receives **"a double portion of wisdom."**

The intent is **not merely a double portion in a quantitative sense, but** qualitatively so. **The double portion represents a level that is incomparably higher than the first.**

The above is relevant **at present as well. All those who vacillate from side to side must turn** to G-d **in *teshuvah*,** thereby attaining **"a double portion of wisdom."**

Our Sages[27] teach that **the Jewish people are "*areivim* one with another."** The meaning of the term *areivim* in the context of the Talmudic passage is that they are mutually responsible. However, the literal meaning of the term *areivim* is that **they are "mixed together";** one person's conduct affects another's. To apply that understanding to the context of the present discussion, **the light** generated **by the *teshuvah*** of those who have vacillated **will be drawn down to those Jews whom they, (Heaven forbid,) caused to sin** and motivate them to turn to G-d as well.

**May G-d bring this about with kindness and mercy and may those who caused others to sin – as well as those whom they motivated to follow them – turn** to G-d **in *teshuvah*,** achieving **"a double portion of wisdom," and may all proclaim together "G-d is the L-rd; G-d is the L-rd!"**

---

25. See *Likkutei Torah, Devarim,* p. 65c; *Derech Mitzvosecha, mitzvas vidui u'teshuvah,* sec. 2, *et al.*

26. *Iyov* 11:6.

27. *Sanhedrin* 27b; *Shavuos* 39a.

---

א) הלכות עכו״ם פ״א ה״א.

ב) זע ד״ה מים רבים תשי״ז (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נד ואילך). זע אויך ספר המצות להצמח-צדק מצות מילה.

ג) נדרים כה, א.

ד) ירמיה מד, יח.

ה) פי״ט.

ו) וועגן דעם זע אויך רבנו יונה ריש ברכות, אורח חיים סימן תר״ג. קונטרס ומעין מאמר יד, פ״ב.

ז) ירמיה ב, יג.

ח) יומא סט, ב. ובחידושי אגדות שם.

ט) זע לקוטי תורה דברים סה, ג. ספר המצות להצמח צדק מצות וידוי ותשובה פ״ב. ובכמה מקומות.

י) סנהדרין כז, ב. שבועות לט, א.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Yosef Greenbaum
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie